STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04259

TSHERTA OSYEDLOSTI

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Безплатное прилож. для подписч. газ. „Гайнтъ“.

№. 8. פאמיליען-ביבליאטעק.

טשערטא אסיעדלאסטי

(דער אידישער תחום).

Drukarnia „Energja“, Warszawa, Chłodna 8.

עס איז נישטא נאך אזא לאנד, וואו עס זאלען זיך אזוי פיעל פערשיעדענע פעלקער געפינען, ווי אין דעם גרויסען און ברייטען רוסלאנד.

און מיהר געדריקט פון די אלע פערשיעדענע פעלקער, וועלכע געפינען זיך אינ'ם דאזיגען לאנד, איז דאס אידישע פאלק.

גרויס איז די צאהל פון די פערשיעדענע בעגרענצונגען, וואס די רוסישע געזעצען האבען ספעציעל פאר דעם אידישען פאלק בעשאפען; ווי א שווערע משא דריקען זיי דאס אידישע פאלק. די שרעקליכסטע גזירה אבער איז די גזירה פון „טשערטא אסיעדלאסטי".

די אידען זענען דאס איינציגסטע פאלק אין רוסלאנד, פון וועלכען עס איז אפגענומען זיין נאטירליכע רעכט אויסצוקלייבען פאר זיך א ארט צום וואהנען לויט זיין פרייער פערלאנג.

לויט דער דאזיגער גזירה האבען אידען קיין רעכט נישט צוואה־נען אין גאנץ רוסלאנד. זיי איז ערלויבט צו וואהנען נאר אין א קליינעם און בעגרענצטען שטח פונ'ם גרויסען און ברייטען רוסלאנד, נאר אין געוויסע שטעדט און שטעדטליך מעגען זיי וואהנען: אין די איבע־ריגע שטעדט איז זיי עס פערבאטען.

אין אט דער קליינער און בעגרענצטער שטח, אט די אלע שטעדט און שטעדטליך, וואו אידען מעגען יא וואהנען, ווערען עס אנגע־רופען מיט דעם נאמען „טשערטא אסיעדלאסטי"; ארער, ווי עס ווערט בעצייכענט אין אידישען מיט די העברעאישע ווערטער — „תחום המושב". — נאר פון איינצעלנע גרופען פונ'ם אידישען פאלק איז די נאטירליכע רעכט נישט אוועקגענומען. אויך אבער די דאזיגע גרופען געניסען נישט פאלקאם און אונבעגרענצט פון דער דאזיגער רעכט. נאר א קליינער אונבעדייטענדער טייל פון די דאזיגע גרופען האט שטענדיג וואהנרעכט איבער גאנץ רוסלאנד. דער גרעסטער טייל אבער פון זיי

פֿעזיצט די דאָזיגע וואָהנרעכט נאָר אויף אַ געוויסער צייט. דאָס אויך אָבער נישט אומעטום. נאָך זעהר פֿיעל ערטער בלייבט אין רוסלאַנד, וואו אַפילו אַ „פּריווילעגירטע“ אידישע פֿוס מאָר אויך אהין נישט אריינטרעטען.

נאָך מעהר, אַפילו אין די גרעניצען פֿונ'ם אידישען תחום איז נישט אומעטום ערלויבט אידען צוואָהנען און צו פֿערנעהמען זיך מיט וועלכע ס'איז בעשעפֿטיגונגען. דער גאַנצער שטח, וואָס ליעגט אויסער די גרויסע שטעדט און די קליינע שטעדט, איז פֿערשלאָסען פֿאַר דעם רוב אידען. אויך צווישען די שטעדט אַפילו, וואָס געהערען צום אידישען תחום, געפֿינען זיך אַזעלכע, וואָס נאָר פּריווילעגירטע קאַטעגאָריען פֿונ'ם אידישען פֿאָלק האָבען דאָרט וואָהנרעכט.

1.

די ענטשטעהונג פֿון דער תחום-גזירה.

אין יאָהר 1780 איז די אידישע בעפֿעלקערונג פֿון די מאָהילעווער און וויטעבסקער גובערניעס (ביעלאָראָסיע), וועלכע זענען איבערגעגאַנגען פֿון פּוילען צו רוסלאַנד, אויסגעגלייכט געוואָרען אין אַלע רעכט און פֿפֿליכטען מיט דעם רוסישען האַנדעלס-קלאַס. אין דער דאָזיגער צייט זענען די רוסישע איינוואָהנער פֿון די שטעדט געווען צוגעשמידט צום אָרט, צו וועלכען זיי זענען געווען צוגעשריבען. נישט די סוחרים, נישט די מעשטשאַנעס זענען געווען פֿריי איבערצופֿאָהרען פֿון איין אָרט אויף דעם צווייטען. עס איז זיי נאָר אויף אַ קליינער ווייַלע ערלויבט געוואָרען צו פֿערלאָזען די שטאָדט, צו וועלכער זיי זענען געווען צוגעשריבען. נאַטירליך, איז אויך די בעפֿעלקערונג, פֿון די נייע צוויי איבערגעגאַנגענע גובערניעס, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד, האָבען געמוזט ווערען אונטערגעוואָרפֿען אונטער דער זעלבער אָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין די רוסישע שטעדט. אויך בנוגע צו די אידען, פֿער-

שטעהט זיך, וואָלט בעדאַרפֿט דאָס דאָזיגע געזעץ אָנגעווענדט ווערען.

אַ דאַנק אָבער די בעזונדערע אָרטיגע בעדינגונגען, ווי אויך אַ דאַנק געוויסע פֿינאַנסיעלע מאָטיווען, איז פֿאַר די דאָזיגע צוויי גובערניעס געמאַכט געוואָרען אַ אויסנאַהמע. דער סוחרים־שטאַנד פֿון די דאָזיגע גובערניעס איז געבליבען ביי זיין פֿריהערדיגער פֿרייהייט, איבערצופֿאָהרען אונגעשטערט פֿון איין אָרט אויף דעם צווייטען אין די גרעניצען פֿון די דאָזיגע צוויי גובערניעס. דער אידישער סוחרים־שטאַנד האָט זאָגאַר נאָך מעהר גרעסערע רעכט בעקומען — די רעכט צופֿערשרייבען זיך אין דעם סמאָלענסקער און אין דעם מאָסקווער סוחרים־שטאַנד.

אין יאָהר 1790 האָבען אָבער די מאָסקווער סוחרים בעקלאָגט זיך אויף די אידישע סוחרים, וואָס האָבען געוואָהנט אין מאָסקווע, בעשולדיגענדיג זיי, אַז זיי רייסען אונטער דעם מסחר. דער „ראַט פֿון דער קייזערין" האָט איינגעפֿונען, אַז די אידען האָבען קיין רעכט נישט, איינצושרייבען זיך אין די טוחרישע רוסישע שטעדט און פּאָרטען. ער האָט עס מאָטיווירט דערמיט, וואָס דאָס דאָזיגע איינשרייבען זיך פֿון די אידען אין די אויבענדערמאָהנטע שטעדט, קען מיט זיך קיין שום נוצען פֿאַר דעם לאַנד נישט ברענגען. דערביי אָבער האָט דער ראַט בעטאָנט, אַז די אידען קענען זיך בענוצען ווי אַלע אַנדערע עלעמענטען פֿון דער בעפֿעלקערונג, מיט אַלע בירגליכע רעכט און מיט די אַלע רעכטע, וואָס די מעשטשאַנעס האָבען, אין די אויבענדערמאָהנטע ביעלאָרוסישע צוויי גובערניעס — וויטעבסקער און מאָהילעווער. ער האָט אויך אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז עס וואָלט נוצליך געווען צוגעבען זיי די דאָזיגע רעכט אויך אויף יעקאַטערינאָסלאַווער, טאַורישער און חערסאָנער גובערניעס.

די דאָזיגע מיינונגען, וואָס דער ראַט האָט אַרויסגעזאָגט, זענען סאַנקציאָנירט געוואָרען דורך יעקאַטערינע דער צווייטער, דורך דעם אוקאַז, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבען דעם 28־טען דעצעמבער אין יאָהר 1791.

אָט אַזוי אַרום איז דורך דעם דאָזיגען אוקאַז געלעגט געוואָרען דער ערשטער גרונד־שטיין פֿאַר דער גזירה פֿונ'ם אידישען תחום,

חאָטש, אמת, נישט מיט אַ ספּעציעלער כּוונה אויף אידען רשעות אָנצוטהון.

וואָרום נישט די בעדינגונגען פֿון דער דאַמאָלסטיגער געזעלשאַפֿטליך-מלוכה׳שער אָרדנונג בכלל, ווי אויך נישט די בעדינגונגען פֿון דעם אידישען לעבען בפֿרט, האָבען געקענט מיטווירקען דערצו, אַז די רעגירונג זאָל וועלען בעשאַפֿען פֿאַר די אידען אַ ספּעציעלע געדריקטע לאַגע, אײַנפֿיהרען פֿאַר זײַ בעזונדערע געזעצען, וועלכע זאָלען בעגרענצען זײַער וואָהנרעכט.

לויט די אומשטענדען פֿון דער דאָזיגער צײַט, האָט דער דאָזיגער אוקאַז נישט געהאַט אין זיך גאָר נישט אַזוינס, וואָס זאָל שטעלען די אידען אין דער דאָזיגער הינזיכט אין אַ ערגערער לאַגע אין פֿערגלײַך מיט קריסטען.

די אַלטע אָרדנונג, אַ דאַנק וועלכע די אײַנוואָהנער זענען געווען צוגעשמידט צו זײַערע ערטער, האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטען אין׳ם געזעלשאַפֿטליכען לעבען, נישט קוקענדיג אויף דער פֿעראָרדנונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין יאָהר 1785, וועלכע האָט געגעבען דאָס רעכט צו איבערציהען זיך פֿון איין אָרט אויף דעם צווייטען דעם סוחרים-שטאַנד.

די מעשטשאַנעס, למשל, האָבען נישט געטראַכט איבערפֿאָהרען פֿון איין גובערניע אין דער צווייטער. פֿאָלגליך, אַז אויך די אידען, וועלכע האָבען זיך מעהרסטענטהייל פֿערשריבען אין דער מעשטשאַנסטווע, וואָלטען אויך נישט געטאָרט איבערציהען זיך פֿון איין גובערניע אין דער צווייטער, ווען נישט דער אוקאַז פֿון יאָהר 1791, וועלכער האָט בעשטעטיגט, אַז אידען קענען זיך פֿרײַ בעוועגען אין די ביעלאָרוסישע גובערניעס.

ווען מיר בעטראַכטען אויף אַזאַ אופֿן דעם אוקאַז פֿון יאָהר 1791 זעהען מיר, אַלזאָ, אַז ער האָט, אייגענטליך, קיין שום ספּעציעלע בעגרענצונגען בנוגע דעם אידישען וואָהנרעכט נישט אַרײַנגעטראָגען, ער האָט כּלל נישט בעשאַפֿען קיין ספּעציעלען בעזונדערען תחום, ער האָט נישט אָבגעצוימט די אידען פֿון די קריסטען, פֿערקעהרט, פֿאַר די אידען זענען געעפֿענט געוואָרען נייע געגענדען, אין וועלכע זיי וואָלטען נישט געקענט איבערפֿאָהרען, לויט די אַלגעמיינע פֿעראָרדנונגען.

אחוץ דעם, גיבען אונז נישט די אומשטענדען, וועלכע האבען ארויסגערופען דעם אוקאז, קיין שום גרונד צורעכענען, אז עס זענען געוועזען בלומרש'ט וועלכע עס איז סיבות, וואס זאלען געוועזען געצוואונגען דער רעגירונג, זי זאל אננעהמען וועלכע עס איז מיטלען געגען די אידען אלס אידען. דער רעליגיעזער מאטיוו אדער די מורא, אז די אידען זאלען נישט ווירקען שעדליך אויף די קריסטען, האבען ממש קיין שום ראלע נישט געשפיעלט אין יענעם מאמענט.

די גאנצע פראגע איז בעשטאנען נאר אין דעם, וואס איז ניצליך.

די האנדעלס-טעטיגקייט פון די אידען אין די אינערליכע שטעדט ברענגט נישט קיין נוצען, לויט דער מיינונג פונ'ם ראט, דעריבער ווערען צוריקגענומען די פריהערדיגע הנחות, וואס מען האט געמאכט פאר די אידען. גלייכצייטיג געפינט איין די אייגענע רעגירונג, אז דאס, וואס די אידען וועלען איבערפאהרען אין דעם נייעם געגענד וועט נוצען ברענגען — זאגט זי זיך אפ בנוגע צום ראזיגען בעזונדערען פאל פון איהר אלגעמיינעם פרינציפ, אין וועלכען זי האלט זיך בנוגע צום איבערפאהרען פונ'ם סוחרים-שטאנד פון איין ארט אויף דעם אנדערען, און אידען ערלויבט מען יא אריינצופאהרען אין דעם נייעם געגענד.

די אידענפראגע בנוגע צו די וואהנרעכט-אנגעלעגענהייטען, איז בעשטאנען, אלזא, דאמאלס, נישט אין דעם, וואס די רעגירונג האט געוואלט די דאזיגע רעכט בעגרענצען, נאר גראדע, פערקעהרט, זי האט געוואלט געבען די אידען געוויסע פריווילעגיעם אין דער הינזיכט, איינגעפינענדיג, אז די האנדעלס-טעטיגקייט פון די אידען קען ברענגען מעהר נוצען, ווי די האנדעלס-טעטיגקייט פון דער איבעריגער בעפעלקערונג.

דאס נעמליכע איז אויך געווען מיט דריי יאהר שפעטער, ווען דער אוקאז פון יאהר 1794 האט בעשטעטיגט, אז די אידען האבען רעכט צופערנעהמען זיך מיט סוחר'ישע און מעשטשאנישע געשעפטען אין די גובערניעס, וואס זיי זענען אויסגערעכענט אין אוקאז פון 1791-טען יאהר, ווי אויך אין די גובערניעס: פאדאלער, מינסקער, וואהלינער, וועלכע זענען ווידער איבערגעגאנגען פון פוילין צו רוסלאנד. אינאיינעם מיט דעם זענען פאר זיי אויך אויפגעעפענט געווארען טשערניגאווער, קיעווער

און פאָלטאַווער גובערניעס.

יא. דער שווערפונקט פונ'ם אוקאַז פון יאָהר 1791 איז נישט אין דעם, וואָס עס רעדט זיך אין איהם וועגען אידען. דער שווערפונקט איז אין דעם, וואָס די אידען זענען אין איהם ספּעציעל בעטראַכט געוואָרען אלס האַנדעלס-לייט. די פראַגע איז בעהאַנדעלט געוואָרען נישט פונ'ם נאַציאָנאַלען אָדער רעליגיעזען שטאַנד-פונקט, נאָר פונ'ם שטאַנד-פונקט פון נוצליכקייט.

דאָך אָבער איז אמת דאָס, וואָס מיר האָבען פריהער געזאָגט, אז די תחום-גזרה הויבט זיך אָן מיט דעם דאָזיגען אוקאַז פון יאָהר 1791.

דער דאָזיגער אוקאַז האָט געגעבען א מעגליכקייט, מ'זאָל איהם אויך אויסטייטשען אויפ'ן פאָלגענדען אופן, אז, נישט אבהענגיג פון די רעכט, וואָס די עהנליכע קריסטליכע קלאַסען בעזיצען, האָבען די אידען וואָהנונגס-רעכט נאָר אין בעשטימטע גובערניעס. די טשערטאַ אָסיעד-לאָסטי, — חאָטש דער דאָזיגער אויסדרוק האָט נאָך דאַן נישט עקזיס-טירט,— איז דאַמאָלס אנערקענט געוואָרען אלס פעסטגעשטעלט.

ווען מ'האָט זיך צום דריטען מאָל צוטיילט מיט פוילין, איז אין די גרענעצען פון דער טשערטאַ אויך אריינגעגאַנגען די גובערניעס: ווילנער און גראָדנער.

אין יאָהר 1799 האָבען אידען בעקומען די דאָזיגע רעכט אויך אין קורלאַנדער גובערניע. די פעראָרדנונגען פון יאָהר 1804, האָט פער-אייניגט צו די גובערניעס, וואָס זענען אָפען פאַר אידען אויך אַסטראַחאַ-נער און קאַווקאַזער גובערניעס. אין יאָהר 1818 האָט זיך די טשערטאַ פערגרעסערט מיט בעסראַבער געגענד.

דערפאַר אָבער איז פון ווייטער אן דער שטח פון דער טשערטאַ צופיםלעכווייז אלץ מעהר אַרומגעשניטען געוואָרען.

אין יאָהר 1829 איז אויסגעשלאָסען געוואָרען קורלאַנד. די וואָהנ-רעכט איז דאָרטען געבליבען נאָר פאַר א קליינער צאָהל מענשען.

אין יאָהר 1835 איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון אידישען תחום אויך אַסטראַחאַנער און קאַווקאַזער גובערניעס. אין יאָהר 1887 איז וויי-דער אויסגעשלאָסען געוואָרען טאַגאַנראָגער „גראַדאָנאַטשאַלסטוואָ“ און ראָסטאָווער אויעזד.

אינאיינעם מיט דעם תחום, וואס האט עקזיסטירט פאר אידען אין רוסלאנד, האט פאקטיש עקזיסטירט נאך א פאראלעלער תחום, חאטש אין די אפיציעלע אקטען איז ער מיט דעם דאזיגען נאמען נישט גערופען געווארען. דער דאזיגער תחום איז בעשטאנען פון די צעהן גובערניעס, וואס אין קעניגרייך-פוילין.

א גרויסע צייט זענען די ביידע תחומען געווען אבגעזונדערט איינער פון דעם צווייטען. די אידען, וואס האבען געוואהנט אין תחום, האבען נישט געטארט איבערציהען זיך אין קעניגרייך-פוילין. דאס אייגענע איז אויך געווען פערקעהרט. פאר די אידען פון קעניגרייך-פוילין איז דער אידישער תחום אין רוסלאנד אויך געווען פערשלאסען, זיי האבען זיך דארטען נישט געטארט בעזעצען.

ערשט אין יאהר 1868 איז די דאזיגע בעגרענצונגען אבגעשאפט געווארען. ערשט אין דעם יאהר איז די אידען ערלויבט געווארען איבערצופאהרען פריי פון אידישען תחום אין קעניגרייך-פוילין, ווי אויך, פערקעהרט — פון קעניגרייך-פוילין אין אידישען תחום.

ביי יעצטיגער צייט געהט אריין אין דער טעריטאריע פון דעם אידישען תחום די פאלגענדע גובערניעס:

די צעהן גובערניעס פון קעניגרייך-פוילין: ווארשאווער, קאלישער, קיעלצער, לאמזער, לובלינער, פעטראקאווער, פלאצקער, ראדאמער, סובאלקער און סיעדלעצער.

א חוץ זיי געהען נאך אריין די פאלגענדע גובערניעס, וועלכע געפינען זיך אויסער קעניגרייך-פוילען: בעסאראבער, ווילנער, וויטעבסקער, וואהלינער, גראדנער, יעקאטערינער, קיעווער, קאוונער, מינסקער, מאהילעווער, פאדאלער, פאלטאווער, טאורישער, חערסאנער און טשערניגאווער.

2.

די בעגרענצונגען אין דעם תחום.

די בעגרענצונגען אין תחום בעשטעהען אין דעם, וואס אידען איז פערוועהרט צוואהנען אין די דערפער און אין די דערפליך. פון דער צווייטער זייט — אין די בעגרענצונגען, וועלכע עקזיסטירען פאר זיי אויך אין איניגע שטעדט.

די שטרעבונג פון דער רעגירונג, צו דערווייטערען די אידען פון די אויעזדען מיט דעם צוועק, צוקאנצענטרירען זיי אין די שטעדט איז ענטשטאנען נאך באלד, ווי ווייס־רוסלאנד איז איבערגעגאנגען צו רוסלאנד. א גרויסע שטיק צייט האט די דאזיגע שטרעבונג געהאלטען די אידישע בעפעלקערונג אין שרעק.

די רעגירונג האט זיך אבער געמוזט, סוף כל סוף, אבזאגען פון דער דאזיגער שטרעבונג, דערפאר, וואס זי איז געשטאנען אין גרויסען ווידערשפרוך מיט דער מלוכה׳שער עקאנאמישער ארדנונג, וואס איז אין א משך פון פיעל הונדערטער יאהרען אויסגעארבייט געווארען אין די געוועזענע פוילישע גובערניעס.

אין דער שפעטערדיגער צייט איז נאר אין איניגע בעזונדערע ערטער פארגעקומען, אז מען זאל די אידען דערווייטערען פון די אויעזדען.

דורך די „דערווייליגע פעראָרדנונגען“ אבער, וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען דעם דריטען מאי אין יאהר 1882 בעקומען די שטרעבונגען צו בעפרייען די אויעזדען פון די אידען א נייע פארם. דאס פריהערדיגע ארויסשיקען איז פערביטען געווארען דערויף, וואס איז, פערוועהרט געווארען אידען, צו בעזעצען זיך אויפס׳ניי אין די דערפער און אין די דערפליך.

אנהויבענדיג פון יאהר 1903 האבען דורך איניגע אוקאזען אויפגעהערט צושטעהען אונטער דער ווירקונג פון די „דערווייליגע פעראָרדנונגען“, 291 ערטער, אין יאהר 1904 איז די דאזיגע בעגרענצונג אפ־

געשאפט געווארען בנוגע צו די גרופען, וואס האבען וואהנרעכט אויסער דעם תחום.

אחוץ די בעגרענצונגען, וואס האבען עקזיסטירט אין תחום אויסער די שטעדט, האבען אויך עקזיסטירט בעגרענצונגען אין די שטעדט.

די פראגע וועגען דער וואהנרעכט פאר אידען אין די שטעדט איז ענטשיעדען געווארען אין דער צייט פון דער פוילישער הערשאפט זיין יעדער בעזונדער פאל.

פאר א געוויסען אבצאהל פלעגען די קעניגען אפטמאל שענקען די אידען וואהנרעכט אין וועלכער עס איז שטאדט.

פון דער צווייטער זייט פלעגט אבער אויך טרעפען, אז די שטעדט פלעגען שליסען פערשיעדענע אבמאכונגען מיט דעם קעניג, ער זאל ארויסטרייבען די אידען פון די שטעדט און נישט ערלויבען זיי, זיך וויעדער צו בעזעצען דארטען. דאס האבען זיי געטהון כדי פטור צו ווערען פון דער אידישער קאנקורענץ.

די דאזיגע טענדענץ האט זיך בעמערקט אין איניגע געוועזענע פוילישע שטעדט אויך נאך דעם, וואס זיי האבען זיך שוין געפונען אונטער דער הערשאפט פון רוסלאנד.

צום ערשטען איז זיך משתדל וועגען דעם די שטאדט קאוונא אין יאהר 1797.

„ווערעגדיג געפיהרט, ווי עס האט זיך אויסגעדריקט דער דאמאלדיגער גענעראל-גובערנאטאר פון קאוונא, פון זיין אלטער רייכטזיניגער און אונזיניגער, וואלט איך זאגען, קנאה צו די אידען, האבען זיי געוואלט פטור ווערען אויף אזא מין אופן פון זייערע האנדעלס-קאנקורענטען, קאנפיסקירען פון זייער טובה וועגען די אידישע סחורות, ווי אויך לאזען בלייבען ביי זיך די סומען געלד, וואס די אידען האבען זיי אנטליהען אויף זייערע הייזער".

דער קיסר פאול דער ערשטער האט אבער ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז די אידען, וואס האבען זיך בעזעצט אין קאוונא זאלען איבערבלייבען וואהנען אויף זייערע ערטער און זאלען זיך אונגעשטערט בעשעפטיגען מיט זייערע פראפעסיעס און האנדעל. דער איינעגער קיסר האט פריהער נאך מיט עטליכע יאהר אויך פערוועהרט, מען זאל נישט

ארויסשיקען די אידען פון קאמענעץ-פאדאלסק.

דורך די דאזיגע אוקאזען האבען אויף דעם ערשטען בליק בע־קומען א טוירט-קלאפ די פריווילעגיעס, וועלכע האבען געהאט די שטעדט, עס זאלען זיך אין זיי קיין אידען נישט בעזעצען.

דאך האט דער קיעווער מאגיסטראט משתדל געווען זיך אין יאהר 1801, אז מ'זאל ארויסשיקען פון קיעוו די אידען, שטיצענדיג זיך אויף דער פריווילעגיע פון יאהר 1619. דער קיסר אבער האט אויך די דאזיגע השתדלות אבגעווארפען.

אין יאהר 1803 איז מיט דער איינענער השתדלות צום צווייטען מאל קאווגא ארויסגעטרעטען. אין עטליכע יאהר ארום האט זיך דער קיעווער מאגיסטראט ווידער משתדל געווען, אז מ'זאל איהם געבען די אלטע פריווילעגיע, ארויסצוטרייבען די אידען פון קיעוו; די השתדלות'ן האבען אויך יעצט קיין ערפאלג נישט געהאט.

דער קיעווער מאגיסטראט אבער, ווייזט אויס, האט זיך איינמאל פאר אלע מאל איינגעשפארט, אז קיעוו מוז פטור ווערען פון אידען.

ער האט זיך אלץ פון זיינע השתדלות'ן נישט אבגעזאגט, ביז עס האט זיך איהם ענדליך טאקי איינגעגעבען זיינס אויסצופיהרען.

אין יאהר 1827 האט זיך איהם איינגעגעבען ארויסצובעקומען דעם געוואונשטען בעפעהל, מען זאל די אידען פון דער שטאדט ארויסשיקען.

אזוי ווי עס זענען אבער געווען השתדלות'ן, אז מ'זאל די אידען פון קיעוו ארויסטרייבען, אזוי זענען אויך געווען השתדלות'ן, נאך דעם, וואס די אידען זענען פון דארטען ארויסגעטריבען געווארען, מען זאל זיי צוריק ערלויבען זיך צובעזעצען דארטען.

די קיעווער נאטשאלסטווא האט זיך ארויסגעזאגט אין יאהר 1833 געגען דעם, אז מ'זאל אידען פון קיעוו ארויסשיקען.

די טובה פון די איינוואהנער—האבען זיי דאמאלט געשריבען, — בעדארף שטעהן פיעל העכער פון די אייגענע נוצען, וואס די קריסטליכע סוחרים וועלען האבען דערפון, וואס מ'וועט דערווייטערען די אידען פון קיעוו.

דאך האט אבער די דאזיגע השתדלות פון דער קיעווער נאטשאל־סטווא נישט געהאלפען.

ערשט אין דער צייט, וואס אלעקסאנדר דער צווייטער האט גע־

קענינט, האבען די אידען בעקומען א אײנטריט אין קיעוו: אײניגע איז ערלויבט געװארען צוּבלײבען דארטען װאהנען אויף שטענדיג, אנדערע— האט מען עס נאר אויף א בעשטימטער צײט ערלויבט.

שטיצענדיג זיך אויף דער אלטער פריװילעגיע, װאס זי האט פטור צו װערען פון אידען, איז ארויסגעטרעטען געגען אידען אין די דרײסיגער יאהרען אויך די שטאדט קאמעניץ-פאדאלסק; איהר השתדלות איז אבער נישט בעפרידיגט געװארען.

אין די דאזיגע אלע פעלע האבען די אײנציגסטע ראליע געשפּיעלט די אײגענע עגאאיסטישע שטרעבונגען פון דעם קריסטליכען האנ-דעלס-קלאס.

אין יאהר 1829 איז ארויסגעגעבען געװארען א בעפעהל, אז מ'זאל ארויסשיקען די אידען פון ניקאלאיעוו און פון סעװאסטאפאל.

דער דאזיגער בעפעהל איז שוין ארויסגעגעבען געװארען צוליעב גאר אנדערע מאטיװען: צוליעב „מיליטערישע" מאטיװען. דעריבער האט זיך דער דאזיגער בעפעהל זעהר שטרענג געהאלטען, ערשט אין א שטיק צײט ארום איז געמאכט געװארען אײניגע אויסנאהמען פאר אײניגע אידישע קאטעגאריען.

א דאנק גאר אויסשליסליכע מאטיװען האט דאס געזעץ פון יאהר 1893 אנטערגעװארפען אײניגע קאטעגאריעס פון אידען ארויסגעשיקט צו װערען פון יאלטא, נישט קוקענדיג צוריק בעזעצען זיך דארטען.

אין יענער צײט האט זיך געפונען די קײזערליכע פאמיליע אין יאלטא אין משך פון די זומער-חדשים. אין דער זעלבער צײט האט זיך ארויסגעװיזען, אז דאס אנפאהרען זיך פון די אידען קײן יאלטא, װאס האט זיך אלין מעהר פערשטארקט אין דער לעצטער צײט, און דאס פראגרעסיװע פערגרעסערען זיך פון דער צאהל אידען אין דער דאזיגער שטאדט איבאײנעם. מיט דער קענטיגער שטרעבונג צוערװערבען אין יאלטא װאס מעהר אונבעװעגליך אײגענטום. דראהט, אז דער דאזיגער קור-ארט זאל נישט פערװאנדעלט װערען אין א רײן-אידישער שטאדט".

מ'בעדארף אבער נאך צוגעבען, אז דאס אויסשליסען פון אײניגע שטעדט פונ'ם תחום איז נאך בכלל נישט געװען דער לעצטער טריט בנוגע צו דער ארבײט, װאס מעהר אלין ענגער צומאכען דעם תחום.

אין איינינע פעלען איז אפילו אין די גרענצען פון די שטעדט אליין האט מען ווידער א תחום בעשאפען.

3.

די בעגרענצונגען אויסער דעם תחום.

איינינע קאטעגאריען פון אידישען פאלק האבען זאגענאנטע אונבעגרענצטע רעכט, צוואהנען איבעראל אין רוסלאנד. איינינע פון זיי האבען די דאזיגע רעכט, צוואהנען איבעראל אין רוסלאנד, אויף שטענדיג. אנדערע ווידער קענען גענימען פון דעם דאזיגען רעכט נאר אין א משך פון א בעשטימטער צייט.

אין דער ווירקליכקייט אבער האבען די דאזיגע רעכט, צו וואהנען איבעראל, קיינמאל נישט עקזיסטירט און עקזיסטירען אויך יעצט נישט.

עס האבען זיך שטענדיג געפונען און אויך יעצט געפינען זיך נאך פערשידענע טיילען אין דער מלוכה, אין וועלכע קיין שום איד האט נישט געטארט אדער טאר יעצט נישט וואהנען דארטען.

אויף אזא אופן איז אפילו פאר די פריוויליגירטע גרופען עקזיסטירען טעריטאריאלע בעגרענצונגען.

וואהנרעכט אויסער דעם תחום קענען אידען האבען דורך בילדונגס-צענז אדער דורך האנדעלס-צענז.

אמאל האט נאר אינגאנצען נישט עקזיסטירט פאר אידען די רעכט פון שטענדיגע וואהנרעכט איבעראל.

עס פלעגט ערלויבט ווערען די אידען צוגעפינען זיך נאר אין א משך פון א בעשטימטער צייט אין די אינערליכע גובערניעס און אין די רעזידענץ-שטעדט, „אויף איינצוארדנען די אלטע חובות, משתדל זיין זיך וועגען פערשידענע פראצעסען, וואס זיי האבען, און וועגען זייערע געזעלשאפטליכע בעדערפנישען". דערביי איז ארויסגעלעגט געווארען אויף די פארשטעהער פון דער מאכט פון די דאזיגע שטעדט, זיי זאלען אכ-

טונג געבען, אַז די אידען זאָלען דאָרטען נישט בּלייבען וואָהנען.

די פעראָרדנונג פון 1804 האָט אַבּיסעל פערברייטערט די דאָזיגע רעכט, ערלויבענדיג צו בּעזעצען זיך מיט די פאַמיליעס אויף אַ קורצער ווײַלע אויסער דעם תחום „פאַבּריקאַנטען, קינסטלער און כּוחרים".

אין יאָהר 1819 האָט מען ערלויבט אידען צו בּעשעפטיגען זיך מיט בּראַנפען-פּראָדוקציאָן אין די וועליקאָ רוסישע גובערניעס. גאַטירלין, נישט אויף שטענדיג האָט מען זיי מיט די דאָזיגע רעכט מזכּה געווען. מ'האָט עס זיי ערלויבט נאָר בּיז דער צייט, ווען די רוסען וועלען זיך די דאָזיגע פּראָפעסיע אויסלערנען.

אין די דרייסיגער יאָהרען האָבען אידישע בּעלי-מלאָכות בּעקומען וואָהנרעכט אין די קאַווקאַזער גובערניעס.

אין יאָהר 1844 האָבען אידישע בּעלי-מלאָכות בּעקומען רעכט צו וואָהנען אין די פעסטונגען פונ'ם שוואַרצען ים, אויף דעם מזרח-בּרעג.

אויך דאַן אָבּער זענען אויסער דעם תחום שוין פערשידענע בּעגרענעצונגען געמאַכט געוואָרען.

אַט אַזוי, למשל, איז אין יאָהר 1825 אַרויס אַ פעראָרדנונג וועגען דעם, די אויעזדען, אין וועלכע עס געפינט זיך די סעקטע „סובּאָטניקעס", ווי אויך פון די דערבּייאיגע אויעזדען, זאָל מען אַרויסשיקען אַלע אידען אָהן אַ אויסנאַהמע, וואו זיי זאָלען זיך נישט געפונען, און פאַר קיין שום פאַל זאָל מען נישט ערלויבען, זיי זאָלען ווידער אַ מאָל אַהין אַריינפאָהרען.

אין איינעם מיט דעם זענען אויך אויסגעאַרבּייט געוואָרען פערשידענע מיטלען, אַז די אידען זאָלען נישט בּלייבען אויף שטענדיג וואָהנען אין די רעזידענץ-שטעדט און אין די איבּעריגע שטעדט, וואָס געפינען זיך אויסער דעם תחום.

עס זענען רעגיסטרירט געוואָרען די אַלע, וואָס זענען געפאָהרען אויסער דעם תחום צוליעב זייערע האַנדעלס-געשעפטען. מען האָט אויך אַכטונג געגעבען, אַז דאָס זאַמען זיך פון די אידען אין די דאָזיגע שטעדט זאָל מעהר נישט דויערן, ווי צעהן טעג.

ערשט פון אַלעקסאַנדר דעם צווייטענס צייט אָן האָט די פראַגע

וועגען דעם אידישען וואהנען אויסער דעם תחום אנגענומען א אנדער ווענדונג.

אין דער צייט האבען צוליעב דעם צוועק, אז די אידען זאלען זיך צונויפגיעסען מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג, ווי אויך צוליעב פערשיעדענע אלגעמיין-מלוכה'שע אינטערעסען, בעקומען רעכט צוואה-נען אויסער דעם תחום די פאלגענדע קאטעגאריעס פון דעם אידישען פאלק.

אין יאהר 1859 האבען בעקומען וואהנרעכט די סוחרים פון ערשטע גילדיע (דאס געזעץ פון יאהר 1904 האט געגעבען וואהנרעכט איבעראל אויף די קאמערץ-און-מאנופאקטור סאוועטניקעס).

אין יאהר 1861 האבען בעקומען וואהנרעכט די פערזאנען מיט העכער בילדונג, ווי אויך אפטייקער-געהילפע, דאנטיסטען, פעלדשערס און אקושעריןס און אויך די וואס לערנען זיך ערשט צו זיין פארמא-צעווטען, פעלדשערס און אקושעריןס.

אין יאהר 1860 האבען בעקומען וואהנ-רעכט פערזאנען, וועלכע זענען איבערגעקומען מיליטער-דיענסט לויט דעם רעקרוטען-אוסטאוו. די דאזיגע רעכט האבען אינ'ם דאזיגען יאהר בעקומען די „ניעדעריגע טשינען", וואס האבען געדיענט אין דער ארמעע, ווי אויך זייערע פרויען און קינדער, און אין יאהר 1867 האבען די דאזיגע רעכט בעקומען אלע אטסטאווניע און די נישט-אויף-א בעשטימטער צייט אבגעלאזטע „ניעדעריגע טשינען" מיט זייערע פרויען און קינדער.

די דאזיגע רעכט איז געבליבען אויך יעצט ביי זייערע קינדער און קינדס-קינדער, וועלכע זענען צוגעשריבען אין שטעדט, וואס געפינען זיך אויסער דעם תחום.

די דאזיגע רעכט איז נאך דעם אויך איבערגעטראגען געווארען אין יאהר 1904 אויף די נידעריגע טשינען, וועלכע האבען גענומען א אנטייל אין דער מלחמה אויף דעם ווייטען מזרח און האבען זיך אויס-געצייכענט אויף דער מלחמה, אדער זיי האבען בכלל ערהליך געדיענט אין דער ארמעע.

אין יאהר 1865 האבען בעקומען וואהנרעכט די אלע פערזאנען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט צעך און מיט נישט צעך-מלאכות.

לויט דעם דאזיגען געזעץ איז ערלויבט געווארען די אידישע מע-

פאַבּריקען, ווי אויך די, וואָס אַרבּייטען אויף בּראָנפען-און-בּיער-זאַוואָדען און בּכלל אַלע מייסטער'ס און בּעלי-מלאָכות צוואָהנען אומעטום אין רוסלאַנד און האַלטען בּיי זיך זייערע פאַמיליעס.

די אַלע גרופּען, וואָס מיר האָבּען דאָ אויסגערעכענט, איז ערלויבּט געוואָרען צו וואָהנען שטענדיג אויסער דעם תחום אומעטום וואו זיי איז געוואונשט. בּנוגע אָבּער צו די בּעלי-מלאָכות און צו נאָך אַנדערע גרופּען האָבּען זיי, לויט דער סענאַט פּסק'ענט שטענדיג, רעכט צו וואָהנען אויסער דעם תחום נאָר מיט דעם בּעדינג, אַז זיי זאָלען זיך אויסשליסליך נאָר מיט זייער פּראָפעסיע בּעשעפטיגען.

וואָס אַנבּעלאַנגט דער צייטווייליגער וואָהנרעכט, אַז אידען אָלען קענען זיך געפינען אויסער דעם תחום נאָר אויף אַ בּעשטימטער צייט האָבּען די דאָזיגע רעכט אידישע סוחרים.

די איבּעריגע אידען קענען פערלאָזען דעם תחום נאָר אויף אַ צייט פון בּיז זעקס וואָכען. הע̄כסטענס קען מען זיי דעם דאָזיגען טערמין פערגרעסערען, אויבּ זיי האָבּען עס נויטיג, נאָך אויף צוויי וואָכען. די דאָזיגע רעכט ווערט זיי געגעבּען, ווען זיי בּעדאַרפען זיך משתדל זיין וועגען זייערע געזעצליכע רעכט אין די אַנשטאַלטען פון געריכט און פון דער רעגיערונג אָדער אויף אַ ירושה אָפּצונעהמען, אָדער צוליעבּ געשעפטס-אינטערעסען, אָדער דאַן, ווען זיי בּעדאַרפען צונעהמען אַ אַנטייל אין די טאָרגעס, וואָס קומען פאָר אויף פּאָדריאַדען און צושטעלונגען, וועלכע מען בּעדאַרף אויספיע'ען אין תחום.

די, וואָס האָבּען געענדיגט אַ מיטעל-שולע קענען וואָהנען אויסער דעם תחום אום צובּעקומען בּילדונג אין די העכערע לעהר-אַנשטאַלטען און אין די אַקאַדעמיעס.

דער אַריינפאָהר אין אַלע ערטער פון דער אימפּעריע, איז ערלויבּט אויך פאַר בּחורים, וואָס זענען נאָך קיין 18 יאָהר נישט אַלט, דאַן, ווען זיי קומען צופאָהרען אויף צו אויסלערנען זיך וועלכע עס איז מלאכה, זיי איז ערלויבּט צוואָהנען אינ'ם משך פון דער גאַנצער צייט, אויף וועלכער זיי האָבּען געמאַכט דעם קאָנטראַקט מיט דעם בּעל-מלאכה, בּיי וועלכען זיי לערנען זיך.

די פּריווילעגירטע גרופּען קענען זיך נישט אומעטום בּענוצען מיט זייער רעכט אין איין מאָס.

אין פינלאנד האט קיין שום איד די רעכט צוווינען שטענדיג, א חוץ די אידען, וואס זענען דארטען געבוירען געווארען.

אין געגענד „וואיסקא דאנסקאיא" (פון יאהר 1880, אין די גע־געגענדען פון קובאן און טערסק (פון יאהר 1892) מעגען וואהנען נאר אידען מיט העכער בילדונג.

סיביר איז, כמעט, אינגאנצען פערשלאסען פאר אידען.

מיט די גרעסטע שוועריגקייטען קומט אן אידען דאס וואהנען אין מאסקווא און אין מאסקווער גובערניע.

פון דער צווייטער זייט עקזיסטירען ערטער, וואו א חוץ די פריווילעגירטע קאטעגאריעס, קענען אויך אנדערע גרופען וואהנען נישט אינ'ם זכות פון דעם, וואס זיי בעפריעדיגען די אלגעמיינע פארדערונגען פון בילדונגס־צענז, אדער דעסגלייכען, נאר אינ'ם זכות פון אנדערע ספעציעלע בעזונדערע אומשטענדען.

אין שטעדטעל שלאק, למשל, ליפלאנדער גובערניע, גיעט מען שטענדיגע וואהנרעכט אלע אידען און די דורות, וואס קומען פון זיי ארויס, וועלכע זענען געווען צוגעשריבען דארטען ביז דער רעוויזיע פון יאהר 1835.

אין ריגא איז די וואהנרעכט געבליבען ביי די, וואס זענען געווען צוגעשריבען צו דער ראזיגער שטאדט ביז דעם יאהר 1841.

אין קובאנער און טערסקער אבלאסטען קענען וואהנען די אידען, וועלכע זענען געווען צוגעשריבען ביז דעם יאהר 1892 צו דער דאר־טיגער בעפעלקערונג. זיי מעגען אבער וואהנען נאר אין דעם ארט, צו וועלכען זיי זענען צוגעשריבען.

אויף קאווקאז — נאר די אידען, וועלכע מען רופט מיט דעם נא־מען „גארסקאיע", וואס האבען געלעבט דארטען, ווען די געגענד איז איינגענומען געווארען דורך רוסלאנד. זיי האבען די אייגענע רעכט, וואס עס האבען די „נארצעס" (אזוי הייסט די ארטיגע בעפעלקערונג).

איינציגע גרופען פון זיי האבען די פריווילעגיע צו וואהנען אויף „זאקאווקאזיע" און אין סטאווראפאלער גובערניע.

אין טורקעסטאן האבען וואהנרעכט נאר די אידען, די על־טערען פון וועלכע האבען זיך בעזעצט דארטען שוין פון גאר לאנגע

צייטען, אלענפאלס, נישט שפעטער, ווי די רוסען האבען די דאזיגע געגענד פערנומען.

די אידען, וועלכע וואהנען אין וועלכען עס איז ארט נישט געזעצליך, ווערען ארויסגעשיקט דורך דער פאליציי. א חוץ דעם פערפיהרט מען געגען זיי א פראצעס אויף דעם ארט, צו וועלכען זיי זענען צוגעשריבען.

ד.

די וואהנרעכט-בעגרענצונגען געגען אידען אין קעניגרייך פוילען.

אין קעניגרייך-פוילען האבען עקזיסטירט נאר בעזונדערע בעגרענצונגען אין דער וואהנרעכט פון אידען און אין זייער רעכט איבערצופאהרען פון איין ארט אויף דעם צווייטען.

אינ'ם קעניגליכען דעקרעט פונ'ם 19-טען נאוועמבער פון יאהר 1808, דורך וועלכען עס איז פערוועהרט געווארען אידען צוערווערבען גיטער, איז נישט געזאגט געווארען, אז אידען זאלען נישט טארען וואהנען אויסער די שטעדט.

פערקעהרט, דורך דער פעראָרדנונג פונ'ם נאמעסטניק, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען דעם פינפטען פעברואר אין יאהר 1823, איז זיי ערלויבט געווארען צובעשעפטיגען זיך מיט ערד-ארבייט נישט נאר אין די קאלאניעס, נאר אויך אין די גיטער פון דער קאזנא, פון דער קירכע און פון פריוואט-פערזאנען.

דאך האט דער פערוואלטונגס-ראט געמאכט א פעראָרדנונג אין די יאהרען 1843 און 1853, אז אידען זאלען נישט טארען וואהנען אין קיין דערפער.

די דאזיגע פעראָרדנונג האט ער געמאכט, שטיצענדיג זיך אויף

דעם דעקרעט, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען דעם דרייסיגסטען אָקטאָבער, אין יאָהר 1812, אין וועלכען עס איז פערבאָטען געוואָרען אידען צו האָבען וועלכע עס איז בעריהרונג מיט דער פראָדוקצירונג פון משקאות, ווי אויך מיט דעם פערקויפען פון משקאות.

אין יאָהר 1851 איז אידען אויך פערבאָטען געוואָרען צובעזעצען זיך אין די דערפער, וואס ליעגען אויף דעם גרעניץ־שטח פון 21 ווערסט נאָהענט צו עסטרייך און פרייסען.

אין יאָהר 1856 איז פעראָרדענט געוואָרען, צודערווייטערען אלע אידען, וואס פערנעהמען זיך נישט מיט ערד־אַרבייט, פון די גיטער, וואס געהערען צום בארג־דעפּארטאמענט.

אויך אין די שטעדט אָבער איז אויסגעקומען די אידען צו לײַדען פיעל פערשידענע בעגרענצונגען.

וואס אנבעלאנגט די דאָזיגע שטעדטישע בעגרענצונגען, געהער די איניציאטיווע אין דער הינזיכט דער רעגיערונג פונ'ם ווארשאווער פירשטענטום.

זי האט מעורר געווען די אלע שטעדט, זיי זאָלען איינפיהרען ביי זיך די אייגענע אָרדנונג, וואס האט עקזיסטירט אין ווארשא, וואו די אידען האָבען נישט געטאָרט וואָהנען אויף אלע גאסען.

דערצו נאָך האט די עסטרייכישע רעגיערונג, בשעת פוילין האָט זיך געפונען אונטער איהר ממשלה, ערלויבט די שטעדט, זיי זאָלען זיך קענען בענוצען מיט די אלטע פריווילעגיעס בנוגע צו אידען, אויב זיי האָבען נאָר געהאט פריהער אזוינע פריווילעגיעס.

א דאנק דעם איז אינ'ם מאָמענט, וואס קעניגרייך־פוילען האט זיך געבילדעט (1815) האָבען זיך געפונען גאנצע 83 שטעדט, וואס האָבען געהאט רעכט נישט צוערלויבען אידען, זיי זאָלען דאָרטען וואָהנען

אין די צוואנציגער יאָהרען איז, מיט דער איינשטימונג פונ'ם נאַמעסטניק, צוגעקומען נאָך דרייסיג שטעדט אזוינע.

אין יאָהר 1856 האָבען זיך צווישען דער צאָהל 453 פוילישע שטעדט געפונען נאָר 246, אין וועלכע אידען האָבען געקענט פריי ערווערבען פערמעגען און וואָהנען דאָרטען. אין איין און דרייסיג שטעדט האָבען עקזיסטירט בעזונדערע קוואַרטאלען — פאר דער אידישער בעפעלקערונג.

אויסער די דאָזיגע קווארטאַלען האָבען געקענט וואָהנען נאָר ד פּריווילעגירטע אידען, וועלכע בעפריעדיגען ספּעציעלע מאטעריעלע אָדער קולטורעלע פאָדערונגען.

אין נײַנציג שטעדט האָבען די אידען גאָר אינגאנצען נישט גע־קענט וואָהנען, אָדער זײַ האָבען געמעגט וואָהנען דאָרטען נאָר אין געוויסע טײַלען פון זײַ.

אין די הונדערט עלף שטעדט, וואָס זענען געלעגען אויף דעם גרענעץ־שטח האָבען זיך דאָרטען נישט געטאָרט בעזעצען אידען פון דעם אינעווענינסטען געגענד (איינינע שטעדט האָבען געהערט גלײַכ־צײַטיג צו צווײַ קאטעגאָריעס).

די דאָזיגע אַלע בעגרענצונגען זענען אָבגעשאַפט געוואָרען דורך דעם געזעץ פון יאָהר 1862.

5.

דאָס וואָהנען אויסער דעם תחום אויף דעם יסוד פון געוויסע הנחות.

עס איז פאַרהאַן נאָך איין אָרט פון צײַטווײַליגער וואָהנרעכט.

דער כח פון דער דאָזיגער וואָהנרעכט איז נישט אינם געזעץ, נאָר אין בעזונדערע פעראָרדנונגען פון דער רעגירונג, וועלכע זענען טײַל־ווײַז אויך סאַנקציאָנירטע געוואָרען פון דער העכערער מאכט.

זעלבענדיג חיונה פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע, האָט די שרעקליכע נויט פערטריבען פיעל אידען אויך אין די ערטער פון רוס־לאַנד, וואו עס איז זײַ פערבאָטען צו וואָהנען, האָפענדיג, אז דאָר־טען, וואו די בעפעלקערונג איז נישט אזוי צוזאַמענגעפּרעסט, וועט זיך זײַ אײַנגעבען צו צושלאָגען זיך צו א שטיקל פרנסה גיכער, ווי אין תחום, וואו אויף יעדער מעגליכקייט און וואָס עס איז א גראָשען צופער־דינען, זענען גאנצע מחנות מיט קאָנקורענטען פערהאַן,

זיי האָבען זיך דאָרטען בעזעצט נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי האָבען אויף דעם קיין געזעצליכע רעכט נישט געהאַט. צוליעב געוויסע מאָטיווען האָט זיך די אָרטיגע פּאָליציי און אַדמיניסטראַציע אויך בעצויגען צו זיי מיט חסר.

בעזונדערס האָט זיך פערשטאַרקט די עמיגראַציע אין די אינערליכע גובערניעס אין די זעכציגער יאָהרען פונ'ם פערגאַנגענעם יאָהרהונדערט, ווען בעזונדערע גרופּען פון דער אידישער בעפעלקערונג האָבען בעקומען געזעצליכע רעכט צו בעזעצען זיך אויסער דעם תחום.

די אָרטיגע מאַכט האָט נישט געאײַלט זיך אַרויסצושיקען די אידען, וואָס האָבען זיך אומגעזעצליך בעזעצט אויסער דעם תחום, היות מען האָט דאַמאָלס ערוואַרטעט פון טאָג צו טאָג, מען זאָל אינגאַנצען אָבשאַפען די געזעצען וועגען אידישען תחום.

אויך שפּעטער איז, אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט געוואָלט איבערקוקען די געזעצען וועגען דער וואָהנרעכט פון אידען, האָט דער מיניסטער פון אינערן צעשיקט זאָגאַר אַ צירקוליאַר דעם דריטען אַפּריל אין יאָהר 1880 צו די גובערנאַטאָרען, אַז זיי זאָלען נישט אַרויסשיקען די אידען, וואָס האָבען נישט קיין רעכט צו וואָהנען אויסער דעם תחום פון די ערטער, אין וועלכע זיי האָבען זיך אומגעזעצליך בעזעצט, אויב זיי געפינען זיך נאָר דאָרטען נאָך איידער דער דאָזיגער צירקוליאַר איז אַרויסגעגעבען געוואָרען.

דאָך אָבער האָט דער דאָזיגער צירקוליאַר נאָר ווייניג ישועות געבראַכט פאַר אידען. גאָר גיך איז פאָרגעקומען גאָר אַ אַנדערע ווענדונג אין דער בעציהונג פון דער רוסישער רעגירונג צו אידען.

נישט פיעל צייט איז אַוועקגעגאַנגען זינט דער אויבענדערמאָהנטער צירקוליאַר איז אַרויסגעגעבען געוואָרען, ווי מען האָט אָנגעהויבען אַרויסצושיקען די אידען פון די אינערליכע גובערניעס מאַסענווייז. פאַר דער דאָזיגער אַרבייט האָט מען זיך גענומען באַלד ווי עס זענען פאָרגעקומען די דאַמאָלסדיגע שרעקליכע פּאָגראָמען אין אַ גרויסער צאָהל שטעדט פון אידישען תחום. די אַלע אומגליקליכע אַרויסגעשיקטע אידען, וואָס מען האָט פון די אינערליכע גובערניעס אַרויסגעטריבען, האָט מען אין די אַלט־ערשט צעראַבירטע שטעדט און שטעדליך אָבגעשיקט.

די דאָזיגע שרעקליכע מיטלען, וואָס מען האָט אָנגענומען געגען די אידען, וואָס האָבען זיך אײנגעזעצליך בעזעצט אין די אינערליכע גובערניעס, האָבען מיט זיך אַזוי פֿיעל אומגליק געבראַכט, אַז דער דאַמאָלדיגער מיניסטער פֿון אינערן איז געניטיגט געווען צורעכטמאַכען די גובערנאַטאָרען אין דעם צירקוליאַר פֿון יאָהר 1880.

דערביי אָבער איז ווידער בעשטעטיגט געוואָרען, אַז די גובערנאַטאָרען זענען מחויב אַנצונעהמען פֿערשיעדענע מיטלען, אַז עס זאָל נישט ערלויבט ווערען צו וואָהנען די אידען, וואָס וועלען יעצט פֿון ס׳ניי קומען, נישט האָבענדיג דערויף קיין רעכט לויט דעם געזעץ (דער צירקוליאַר, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 21-טען יוני אין יאָהר 1882).

דורך דעם צירקוליאַר, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם 14-טען יאַנואַר אין יאָהר 1893, האָט דער מיניסטער פֿון אינערען אָבגעשאַפֿט די ביידע צירקוליאַרען, וואָס מיר האָבען אויבען געבראַכט — דעם צירקוליאַר פֿון יאָהר 1880 און פֿון יאָהר 1882. אין דעם דאָזיגען צירקוליאַר האָט דער מיניסטער פֿאָרגעלעגט די גובערנאַטאָרען, זיי זאָלען אַרויסשיקען אַלע אידען, וועלכע האָבען זיך אונגעזעצליך בעזעצט אין די שטעדט, וואָס אויסער דעם תחום.

די דאָזיגע פֿעראָרדנונג האָט אַרויסגערופֿען פֿיעל השתדלות׳ען נישט נאָר פֿון אידען, אויך פֿון פֿיעל קריסטען, וואָס זענען אין אַ משך פֿון אַ לאַנגער צייט געשטאַנען מיט די אידען אין פֿרײַנדליכע און אין פֿערמעגענס-בעציהונגען.

די דאָזיגע השתדלות׳ען האָבען אַ ביסעל געהאָלפֿען. עס זענען איניגע פֿערענדערונגען געמאַכט געוואָרען דאַמאָלס, בעזונדערס פֿאַר די אידען פֿון די ליפֿלאַנדער און קורלאַנדער גובערניעס.

אין אויסשליסליכע פֿעלע האָבען די גובערנאַטאָרען געהאַט רעכט צו משהדל זיין זיך, אַז מען זאָל איבערלאָזען די אידען אויף זייערע ערטער ביז עס וועט אָנקומען „אַ בעזונדער פֿעראָרדנונג פֿון דער צענטראַלער מאַכט, וועלכע בעדאַרף ערהאַלטען ווערען אין דער געזעצגעבענדער אָרדנונג די אַלגעמיינע פֿראַגע וועגען אידען" (די צייט פֿונ׳ם אַרויסשיקען, וועלכע איז בעשטימט געוואָרען אויף דעם ערשטען יוני פֿון יאָהר 1894 האָט געקענט ווערען פֿערלענגערט אויף אַ יאָהר, לויט

דער השתדלות פֿון די גובערנאַטאָרען).

אָט אויף אזא אופֿן האָט דער צירקוליאַר פֿון יאָהר 1880 אינגאַנצען אויפֿגעהערט צו עקזיסטירען. בנוגע אָבער צו די אידען פֿון ליפֿלאַנדער, קורלענדער גובערניעס האָט ער נישט פֿערלאָרען זיין קראַפֿט.

וואָס אָנבעלאַנגט די אידען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין די דאָזיגע גובערניעס נאָך דעם דריטען אַפּריל פֿון יאָהר 1880, איז בנוגע צו זיי דערלאָזט געוואָרען פֿערשידענע הנחות: אין זעהר וויכטיגע פֿעלען קען דער גובערנאַטאָר זיך משתדל זיין, אַז מ'זאָל די דאָזיגע אידען דאָרטען איבערלאָזען, אין פֿאַל, אויב זיי ווערען אָנ'ערקענט אַ דאַנק זייער טעטיגקייט אַלס זעהר נוציג פֿאַר דעם אָרטיגען האַנדעל אָדער אינדוסטריע.

חאָטש אין די געזעצען וועגען די דאָזיגע הנחות ווערט בעשטעטיגט, אַז מ'זאָל בשום אופֿן נישט דערלאָזען, אַז אידען זאָלען זיך דאָרטען אויך אויף ווייטער בעזעצען, דאָך זענען די אידען, אַ דאַנק פֿיעלע עקאָנאָמישע פֿאָדערונגען, אויך שפּעטער געצוואונגען געווען צו בעזעצען זיך אין די נישט ערלויבטע ערטער, אַ דאַנק וועלכען מען האָט אונאויפֿהערליך געהאַלטען אין איין אַרויסשיקען אידען פֿון יענעם געגענד.

אין דער צייט פֿון דער יאַפּאַנישער קריעג איז אָבגעשטעלט געוואָרען דורך דעם צירקוליאַר, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דעם זעקסטען מאַרט אין יאָהר 1904, דאָס אַרויסשיקען פֿון אידען צוליעב דעם מאָטיוו, וואָס צווישען די זאַפּאַסנע סאָלדאַטען, וואָס מען רופֿט אויפֿ'ן שלאַכט-פֿעלד, קענען זיך אויך געפֿינען מיטגליעדער פֿון די אַרויסגעשיקטע אידישע פֿאַמיליעס.

לויט דעם דאָזיגען צירקוליאַר האָט מען די דאָזיגע הנחה בעדאַרפֿט אָנווענדען נאָר צו יענע אידען, וואָס, בעזעצענדיג זיך אויסער דעם תחום אויף אַ געזעצליכען אופֿן, האָבען זיי נאָכדעם פֿערלוירען זייער וואָהנרעכט, אָדער נאָר צו די, וואָס וואָהנען שוין דאָרטען אַ לענגערע צייט, האָבענדיג אַ פֿאַמיליע אָדער אַ הויז-פֿערמעגען, אין פֿאַל, נאַטירליך, אויב די דאָזיגע אידען רופֿען נישט אַרויס אונצופֿריעדענקייט פֿון דער אָרטיגער בעפֿעלקערונג.

אַז די יאַפּאַנער קריעג האָט זיך געענדיגט, האָבען איניגע גובע-

נאָטאַרען ווידער אָנגעהויבען אַרויסצושיקען אידען. דער מיניסטער פון אינערן אָבער האָט פערלענגערט די ווירקונג פון דעם צירקוליאַר, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין יאָהר 1904 בנוגע צו די אידען וואָס האָבען זיך אונגעזעצליך בעזעצט אויסער דעם תחום ביז דעם ערשטען אויגוסט פון יאָהר 1906, לויט די בעדינגונגען, וואָס זענען אויסגערעכענט געוואָרען אין אויבענדערמאָהנטען צירקוליאַר.

די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע האָט דאָך איהר אַרבייט געטהון. זי האָט מאַסענווייז אַרויסגעשיקט די אידען, וואָס האָבען זיך אויסער דעם תחום געפונען.

דאַן האָט דער מיניסטער פון אינערען אַרויסגעגעבען מיט דער בעשטעטיגונג פון דעם מיניסטאָרען-ראַט אַ נייען צירקוליאַר דעם 22-טען מאַי אין יאָהר 1907, וואו עס ווערט אויספיהרליך ערקלערט די מאָטיווען, וועלכע האָבען געווירקט, מ'זאָל אַזוינע מיטלען אָננעהמען.

די מאָטיווען זענען דאָס, וואָס עס איז אונמעגליך איבערצורייסען די זעהר קאָמפליצירטע עקאָנאָמישע בעציהונגען, וועלכע זענען בעשאַפען געוואָרען צווישען די אידען און צווישען די פערזאָנען, וואָס זענען פון אַנדערע גלויבענס. מ'זאָל איינאיינעם מיט דעם אויך נישט צערשטערען די פערמעגענס-אינטערעסען פון ביידע צדדים.

עס פערדיענען אויך אויפמערקזאַמקייט דאָס בעקלאַגען זיך פון די אַרויסגעשיקטע אידען, אַז עס שטעהט זיי פאַר פאָלקאָם רואינירט ווערען, אַז עס וועט זיי שרעקליך שווער זיין צו צוזוכען פאַר זיך וועלכע עס איז בעשעפטיגונגען אין אידישען תחום, צוליעב דער אָרימקייט און צונויפגעפרעסטקייט פון דער בעפעלקערונג, וואָס אין די שטעדט און שטעדטלעך פון אידישען תחום.

אמת, אַז דער ענין פון דאָס, וואָס זיי געפינען זיך שוין פון לאַנג אויסער דעם תחום, קען נאָך קיין שום רעכט די אידען נישט געבען.

דאָך מוז מען אָבער זיך רעכענען מיט די פאָלגען פונ'ם דאַזיגען געזעץ, וועלכעס איז אַ רעאַלע לעבענס-ערשיינונג, ווי עס האָט זיך מיט איהם גערעכענט די רעגירונג אויך פריהער, פון יאָהר 1880 אָן.

זאָרגענדיג וועגען דעם, מיר זאָלען דערווייטערען אַלעס, וואָס קען שטערען דאָס נאָרמאַלע פליעסען פונ'ם אינערליכען לעבען פון לאַנד; זאָרגענדיג וועגען דעם, אַז מיר זאָלען נישט אַרויסרופען צופיעל דאָס אונצו-

פריערנקייט פון גאנצע גרופען פון דער בעפעלקערונג — איז נייטיג אבצושטעלען אויף ווייטער ביז דאן, ווען עס וועט איבערגעקוקט ווערען אין דער געזעצגעבענדער ארדנונג די פראגע וועגען דער אידישער וואהנרעכט אין אלגעמיין — דאס ארויסשיקען פון די אידען, וואס וואהנען אין די נישט ערלויבטע פאר זיי ערטער, אויב זיי האבען זיך בעזעצט דארטען ביז דעם ערשטען אויגוסט פון יאהר 1906 און האבען א פאמיליע און א הויז-פערמעגען, אדער די וואס האבען אנגעוואהרען זייער וואהנרעכט נאך דעם, וואס זיי האבען זיך בעזעצט געזעצליך אויסער דעם תחום. דאס איז אבער נאר דאן, אויב די ארטיגע אדמיניסטראציע איז זיכער, אז דער דאזיגער איד, וועלכען זי וויל איבערלאזען, איז נישט שעדליך פאר דער געזעלשאפטליכער ארדנונג און רופט נישט ארויס קיין אונצופריעדענהייט ביי אט יענער בעפעלקערונג, צווישען וועלכע ער וואהנט.

דער צירקוליאר פון דעם 22-טען מאי פון יאהר 1907 איז ארויסגעגעבען געווארען אין דער צייט, ווען מ'האט גערעכענט צו פערווירקליכען די גרונד-פרינציפען פונ'ם מאניפעסט פונ'ם 17-טען אקטאבער פון 1905, און אין דעם כלל אויך צופערווירקליכען דעם פרינציפ פון געבען אלע אידען רעכט מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג.

מיט דעם אנקומען פון דער רעאקציע אין רוסלאנד, האט די דריטע גאסודארסטווענע דומע געמאכט א אנפראגע וועגען דער אונגעזעצליכקייט פון דעם צירקוליאר, וואס ס'האט ארויסגעגעבען דער מיניסטער פון אינערען, פ. א. סטאליפין דעם 22-טען מאי אין יאהר 1907. גלייכצייטיג איז אויך דערלאנגט געווארען דורך די רעאקציאנערע ארגאניזאציעס א אנקלאגע אין סענאט אויף דעם מיניסטער דערפאר, וואס ער האט ארויסגעגעבען דעם אויבענדערמאהנטען צירקוליאר וועלכער ווידערשפרעכט, לויט זייער מיינונג, דעם געזעץ.

בשעת מ'האט בעהאנדעלט די דאזיגע פראגע אין סענאט, איז פארגעקומען א חלוקי-דעות, און די זאך איז איבערגעגעבען געווארען אין גאסודארסטווענע סאוועט.

נאר איידער עס איז נאך דארטען בעשלאסען געווארען די פראגע וועגען דער געזעצליכקייט פונ'ם צירקוליאר, האט דאס מיניסטעריום זיך אבגעזאגט פון אנצווענדען דעם אויבענדערמאהנטען צירקוליאר אויף

ווײַטער, און, צו דער גרױסער פרײד פון די אַלע אידישע שונאים, וואָס געפינען זיך אַזוי פיעל אין רוסלאַנד, האָט מען ווידער אַמאָל אָנגעהױבען פון אומעטום אַרױסצוטרײַבען מאַסענווײַז די אידען, וואָס האָבען זיך געפונען אױסער דעם תחום.

ו.

דאָס פּאַספּאָרטען־סיסטעם פאַר אידען און צוזאַמענהאַנג מיט די בעגרענצונגען פון זייער וואָהנרעכט.

די אַלגעמײַנע תקנות וועגען די פּאַספּאָרטען און וועגען די „ווידענאַ זשיטעלסטוואָ" (דאָקומענטען אױף וואָהנרעכט) זענען אָנגעווענדעט געוואָרען און ווערען נאָך אױך איצט אָנגעווענדעט בנוגע צו אידען מיט בעדײַטענדע אױסנאַהמען, וועלכע זענען פערבונדען מיט דעם גאַנצען סיסטעם פון די פערשיעדענע בעגרענצונגען פון דער אידישער וואָהנרעכט.

לױט דעם געזעץ פון יאָהר 1857 פלעגען אידען בעקומען פּאַספּאָרטען נאָר אין דעם אָרט, צו וועלכען זיי זענען געווען צוגעשריבען, פון דער דאָרטיגער דומע, מאַגיסטראַט אָדער ראַטהױז.

ניט אַלע אָבער האָבען געקענט פּאַספּאָרטען אַרױסנעהמען. פערזאָנען, וועלכע זענען נאָך ניט פרײַ געוואָרען פון רעקרוטען, האָט מען קײַן פּעסער ניט אַרױסגעגעבען.

אין די פּאַספּאָרטען פלעגט מען שטענדיג צושרײַבען, אַז זיי זענען גילטיג נאָר אין די ערטער, אין וועלכע אידען האָבען שטענדיג וואָהנרעכט (נאָר אין אידישע תחום).

אין די פּעסער פון די אידישע סוחרים (Купцы) און פּריקאַזטשי־

קעס, וואס פלעגען בעדארפען פאהרען אין די אינערליכע גובערניעס אויף א געוויסער צייט, פלעגט מען צושרייבען, אז: „אויב די בעזיצער פונ'ם „וויד" (וואהנרעכטס דאקומענט) וועט נאך דעם, וואס עס וועט זיך ענדיגען דער טערמין, אויף וויפיעל מ'האט איהם ארויסגעגעבען דעם „וויד", וועט זיך נישט מעלדען צוריק אין דעם ארט, וואו מ'האט איהם דעם וויד ארויסגעגעבען, וועט מען זיך „בעגעהן מיט איהם, ווי מיט א „בראדיאגא" (א שלעפער).

ווען א איד האט זיך איבערגעצויגען פון איין ארט פון תחום אין דעם צווייטען, האט ער געמוזט צושטעלען א צייגניס פון דער דומע אדער פונ'ם ראטהויז, וואס געפינען זיך אין דעם ארט, וואו ער האט פריהער געוואהנט, אז ער האט בעצאהלט אלע פאדאטקעס.

די אידישע בעלי-מלאכות, אין עלטער פון 15 ביז 20 יאהר, פלעגט די שטאדט-דומע קענען ארויסגעבען פאספארטען, אויף צופאה-רען אין די אינערליכע גובערניעס, אהן די פאמיליעס, צוערלערנען דארטען גרונדליך זייער פאך. די דאזיגע פאספארטען האבען אבער מעהר ווי אויף צוויי יאהר נישט געקענט ארויסגעגעבען ווערען. דערצו נאך איז געווען נויטיג, אז דריי קריסטליכע בעלי-בתים זאלען בעשטע-טיגען זייער „בלאגאנאדיאזשנאסט" (ארענטליכע אויפפיהרונג).

געגען די אידען, וועלכע פלעגען אריינפאהרען אין די רעזידענץ-שטעדט און אין די אינערליכע גובערניעס אהן וואהנרעכטס-דאקומענ-טען, אדער מיט אזויגע דאקומענטען, וואס זייער טערמין איז שוין אריבער האט מען פערפיהרט א קרימינעל-פראצעס.

ביים ארויסגעבען א אידען א אויסלענדישען פאס, האט מען איהם בעדארפט, לויט דעם געזעץ, ערקלערען די אלע דינים, וואס זענען נוגע צו אידען, וואס פאהרען קיין אויסלאנד — נעהמענדיג דערביי ביי איהם א חתימה, אז ער האט די דאזיגע ערקלערונגען אויסגעהערט.

פאר אבפאהרען קיין אויסלאנד אהן א פאספארט, איז געקומען דעם אידען אויסצושליסען אויף שטענדיג פון צורעכענען זיך אלס רו-סישער אונטערטאן, פערבאטענדיג דערביי איהם קומען צוריק און קיין רוסלאנד.

אויסלענדישע אידען פלעגען קיין רוסלאנד נישט קענען קומען אויף צובעזעצען זיך דארטען, א חוץ געוויסע קאטעגאריען. די דאזיגע

קאטעגאריען זענען בעשטאנען פון אידען, וועלכע זענען ארויסגערופען
געווארען פון דער רעגירונג, צופערנעהמען וועלכע עס איז שטעלע:
רבנים, דאקטוירים, פאבריק־מעכאניקער, מייסטערס, וואס זענען גע־
פאדערט געווארען דורך די אידישע פאבריקאנטען און דעסגלייכען,
די דאזיגע אלע פערזאנען פלעגט מען אריינלאזען אין רוסלאנד, אויף
צובעזעצען זיך אויף שטענדיג אין אידישען תחום.

די איבעריגע אויסלענדישע אידען פלעגען אריינגעלאזען ווערען
אין רוסלאנד נאר צייטווייליג צו וואהנען אין אידישען תחום. די דאקו־
מענטען, וואס זענען געווען נויטיג דערויף, פלעגט ארויסגעבען דער
רוסישער קאנסול. און די איבעריגע גובערניעס פלעגט מען די אויס־
לענדישע אידען אריינלאזען נאר מיט א ספעציעלער ערלויבניש פונ'ם
מיניסטער פון אינערען.

די דאזיגע תקנות זענען געווען גילטיג ביז דעם יאהר 1894.
צייטענווייז זענען נאר קליינע ענדערונגען געמאכט געווארען אין זיי.

די פאליצייאישע מאכט, וואס געפינט זיך אין די ערטער, וואס
אויסער דעם תחום, בעדארף איבערקאנטראלירען די וואהנערלט פון
יעדען אנקומענדען אידען, ווען ער האט אפילו רעכט איבעראל צו וואה־
נען אין רוסלאנד.

ווען עס ווייזט זיך ארויס, אז א איד האט געוואהנט אויסער דעם
תחום, אהן דאקומענטען, ווערט ער צוריקגעשטעלט אויף דעם ארט,
אין וועלכען ער וואהנט שטענדיג, וואו ער ווערט בעשטראפט ביז 15
קאפ' פאר יעדען טאג, וואס ער האט אונגעזעצליך געוואהנט אויסער
דעם תחום. די גאנצע סומע בעדארף אבער מעהר, ווי 10 רובל נישט
אנטרעפען; און פאר אונערלויבט וואהנען אין א ארט, אין וועלכען עס
איז אידום פערבאטען צו וואהנען אהן דער ערלויבניש פון דער פאליציי,
ווערט ער בעשטראפט ביז 3 מאנאטען זיצען אדער מיט געלד־שטראף
ביז 300 רובל, פונקט, ווי די פערזאנען, וואס געפינען זיך אונטער
פאליציייאישער אויפזיכט, אדער ווי די, וואס ווערען ארויסגעשיקט פאר
בעטלען, ווען זיי פאהרען ארויס פון די ערטער, וועלכע מען האט בע־
שטימט פאר זיי צו וואהנען.

בנוגע צו די אידען אבער, וואס האבען יא וואהנערעכט איבעראל
אין רוסלאנד, אדער זיי האבען בעקומען רעכט צייטווייליג צו וואהנען

אויסער דעם תחום ווערען אנגעווענדעט פאר ארויספאהרען אדער פאר וואהנען אהן דאקומענטען אדער מיט דאקומענטען, וואס זענען נישט אין ארדנונג — די אלגעמיינע דינים וועגען פאספארטען לויט דעם פא־ ראגראף 31—29.

פון דעם גאנצען פאספארטען־סיסטעם, ווי עס ווערט אנגעווענדעט בנוגע צו אידען, זעהט מען, אז דער פאספארט פאר אידען דיענט, אייגענטליך, נישט נאר אויף פעסטצושטעלען זיין פערזענליכקייט דורך איהם נאר אויך אלס בעוויז אויף זיין רעכט ארויסצופאהרען פון אידישען תחום.

בנוגע צום ארויסגיבען פאספארטען אידען זענען קיינע אויסנאה־ מען נישט פארהאן.

אויסלענדישע אידען, וואס קומען אין די ערטער פון אידישען תחום, בעקומען פון דעם גובערנאטאר פון דער גובערניע, אין וועלכער זיי קומען, א פאס אויף א יאהר, מיט א אנמערקונג, אז די דאזיגע פאספארטען זענען גילטיג נאר אין די ערטער, וואו אידען מעגען שטענ־ דיג וואהנען.

נאך דעם, וואס עס ענדיגט זיך דאס יאהר, בעדארפען זיי בעטע א נייעם פאס ביי׳ם גובערנאטאר פון דער גובערניע, אין וועלכער ער וויל וואהנען אויף ווייטער.

אויסלענדישע אידען, וואס ווילען בעזוכען האנדעל און אינדוסטריע־ צענטרען, וואס געפינען זיך אויסער דעם תחום — איז אויב זיי זענען נישט קיין באנקירען אדער פערזאנען, וואס שטעהען אן דער שפיץ פון גרויסע האנדעלס־פירמען, מוזען זיי האבען אויף יעדען מאל, וואס זיי פאהרען אריין אין די דאזיגע ערטער, א עקסטרע ערלויבניש פון מיניס־ טער פון אינערן.

אויסלענדישע אידען באנקירען אדער פערזאנען, וואס שטעהן אן דער שפיץ פון גרויסע האנדעלס־פירמען, ווערען ארויסגעגעבען פעסער אויף אריינצופאהרען אין גאנץ רוסלאנד און ווערען בעשטעטיגט פו דער געזאנדשאפט און פון קאנסול־לייט די אלגעמיינע תקנות וועגען די אויסלענדער, וואס פאהרען קיין רוסלאנד.

אַט אַזוֹי איז אַ־לץ מעהר און מעהר געוואקסען די דאָזיגע שרעק־ליכע גזרה פון אידישען תחום, אַט אַזוֹי האָט זי פערשידענע פאַזען פון ענטוויקלונג דורכגעמאַכט.

און יעדער עטאַפּ פון איהר ענטוויקלונגס־פּראָצעס האָט מיטגע־בראַכט מיט זיך שרעקליכע צרות און עניים פאַר דעם רוסישען אידענ־טום. יעדער עטאַפּ פון איהר ענטוויקלונגס־פּראָצעס האָט טייכען טרעה־רען אַרויסגערופען ביים אידישען פאָלק.

און אויב עס איז ווען עס איז געמאַכט געוואָרען וועלכער עס איז שריט אויף צופערלייכטערען אַביסעל די דאָזיגע גזרה, איז זי באַלד נאָכדעם אויף צעהן מאָל אַזוי פיעל מעהר פערפעסטיגט געוואָרען ביז זי איז ענדליך פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ אמת׳ער תוכחה־קללה פאַר דעם אידישען פאָלק, ביז זי איז ענדליך געוואָרען די שרעקליכסטע גזרה צווישען די אַלע גזרות רעית, פון וועלכע עס ליידען די אידען אין רוס־לאַנד, ווי אַ שוואַרצער טרויעריגער שאָטען בעגלייט זי דאָס אידישע לעבען; ווי אַ שווערער שטיין פרעסט זי דאָס אידישע האַרץ.

און ווער ווייסט, ווען דער דאָזיגער שווערער שטיין וועט פון דעם אידישען האַרץ אַראָבגענומען ווערען?

ווער ווייסט ווען דער דאָזיגער שוואַרצער טרויעריגער שאָטען וועט פון דער אידישער וועלט פערשוואונדען ווערען?

ביי די יעצטיגע אומשטענדע קען מען נאָך דערווייל קיינע פּרעה־ליכע נביאות נישט פאָראויסזאָגען

דערווייל קענען מיר נאָר די פאַקטען קאָנסטאַטירען, אָבער נישט קאָמענטירען די טענדענצען, וואָס ליגען אין די דאָזיגע פאַקטען בעהאַל־טען. דערווייל קענען מיר נאָר אָנווייזען אויף די שריט, וואָס זענען אויף דעם געזעצגעבערישען אופן געמאַכט געוואָרען פאַר דער לעצטער צייט מיט דעם צוועק, מבטל צו זיין די תחום־גזרה.

און די דאָזיגע שריט זענען פאָלגענדע:

מיטוואָך דעם 9־טען פעברואַר פון היינטיגען יאָהר 1911 איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אין דער דריטער דומע אַ געזעץ־פּראָיעקט, וועלכער איז געווען אונטערגעשריבען פון 166 חתימות, וועגען אָבשאַפען דעם אידישען תחום.

נאָך דעם, וואָס די אידישע שונאים, וועלכע געפינען זיך אין אַלאַ

גרויסער צאהל אין דער דריטער דומע, האבען אויסגעגאסען א גאנצען מבול פון שרעקליכע זידלערייען אויפ'ן רוסישען יודענטהום, האט די דומע דאך בעשלאסען מיט א מעהרהייט פון 208 שטימען געגען 188 איבערצוגעבען אין דער קאמיסיע וועגען אונבעריהרליכקייט פון פערזאן דעם געזעץ-פראיעקט וועגען מבטל זיין דעם אידישען תחום און בעשטימען איהר א טערמין פון א חודש צייט, נאך וועלכען די קאמיסיע מוז דעם געזעץ-פראיעקט צוריק אריינטראגען אין דומע און דערביי ארויסזאגען איהר מיינונג.

די קאמיסיע, דער רוב מיטגליעדער פון וועלכער זענען ליבעראלע מענשען, בעדארף מען האפען, וועט דעם געזעץ-פראיעקט געוויס אננעהמען און וועט איהם געוויס פערטהיידיגען אין דומא.

דאגעגען איז אבער שווער צו בעשטימען דעם גורל פון דעם דאזיגען געזעץ-פראיעקט אין דער דומא אליין און נאכדעם אין די העכערע אינסטאנציעם.

עס איז זעהר שווער פאראויסצוזאגען, צי וועלען זיי אויך מסכים זיין, אז מען זאל שוין סוף-כל-סוף אראבנעהמען דעם דאזיגען שענדליכען פלעק פונ'ם אידישען פאלק, אז מען זאל שוין סוף כל סוף מבטל זיין די דאזיגע שרעקליכע גזרה, וועלכע דריקט אזוי שרעקליך דאס רוסישע יודענטום.